דער אינזל נומ׳ 8 ([illegible] 1925)

ר. אייזלאנד:

# אין גאָרטען פון יעדאָ

דער גאָרטן פון יעדאָ איז אַ פּאַרק אין דעם באַקאַנטן קוראָרט סאַראַטאָגאַ ספּרינגס, וואוהין אידן און אידענעס פאָרן היילן זייערע מאָגנס און פאַרשיידענע מיחוש׳ן וואָס קומען פון קראַנקע מאָגנס. דער פּאַרק איז אַ פּריוואַטער נאָר ער איז אָפן פאַר׳ן פּובליקום. און יעדער קור־גאַסט געפינט פאַר נויטיק כאָטש איינמאָל צו פאָרן באַקוקן דעם דאָזיקן פּאַרק און אַלע וואונדער וואָס עס געפינען זיך אין אים.

און כמעט אַלע קומען זיי צוריק פון דאָרטן מיט שיינענדיקע אויגן, און עס פעלט זיי אויס „אַכ׳ס" און „אָכ׳ס" וואָס זאָלן אויסדריקן זייער געוואַלטיגע התפּעלות פאַר די שיינקייטן מיט וועלכע זייערע אויגן האָבן זיך דאָרט אָנגעזעטיקט, הגם פאַר אַ מענטש מיט אַ ביסל געשמאַק איז דאָרטן פאַראַן ווייניק פון וואָס נתפּעל צו ווערן. צירליך אויסגעלייגטע פּאַרקס אויפ׳ן לאַנד זיינען, לויט מיין מיינונג, בכלל עפּעס אַ משונה׳דיקע זאַך. וואָרים די אַלע שיינקייטן, וואָס דער מענטש וויל אריינטראָגן אין דער נאַטירלאַכער לאַנדשאַפט, פאַרוויבלאַכן און פאַרסענטימענטאַליזירן זי נאָר. דאָס איינציקע, אמת־שיינע, וואָס דער מענטש קען אריינטראָגן אין דער לאַנדשאַפט, זיינען וועגן, געביידעס און אפשר אַמאָל אויך אַ שורה טעלעגראַף־שטאַנגען. דער יעדאָ־פּאַרק האָט נאָך אויסער דעם דעם חסרון וואָס ער איז אויסגעלייגט געוואָרן לויט׳ן געשמאַק פון אַ סענטימענטאַלער פרוי, אַ מושלמת אויף אַלע קונסט־געביטן, און דער יעדאָ־פּאַרק איז אַזוי אָנגעפּיקעוועט מיט „שיינקייטן", אַז עס ווערט פון זיי פּונקט אַזוי איבל ווי פון די פּאָעטישקייטן פון אַ ווייסטן דיכטערלינג.

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. וואָרים איך האָב גאָר ניט





בדעה צו באשרייבן דעם יעדאָ־פּאַרק אָדער אָנצושרייבן אַן עסעי וועגן לאַנדשאַפט־אַרכיטעקטור, אין וועלכער איך האָב אַגב פּונקט אַזאַ קנאַפּע ידיעה ווי למשל ש. ניגער אין פּאָעזיע. וואָס איך וויל יאָ אַרויסברענגען איז אָט וואָס: כמעט אַלע אידישע קור־געסט, וואָס ווערן אַזוי נתפּעל פון דער שיינקייט פון יעדאָ־פּאַרק, בלייבן דאָך מיט עפּעס אומצופרידן. ניט ווייל זייער עסטעטישער געשמאַק איז ניט גענוג באַפרידיקט. חלילה. מיט שיינקייטן האָבן זיי זיך דאָרטן דווקא אָנגעזעטיקט די והותר. אַזוי אַז ניט נאָר האָט דאָס געקלעקט פאַר זייער אייגענער הנאה וועגן, נאָר זיי בלייבט נאָך גענוג פון די אָנגעזעהענע וואונדערים, אַז זיי וועלן וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן וואָס צו דערציילן פאַר זייערע פריינט און באַקאַנטע אין דער היים. נאָר וואָס דען? שיינקייט אַליין קען די דאָזיקע מענטשן ניט צופרידן שטעלן. טאַקע זייער שיין, זייער וואויל און זייער וואונדערלאַך. אָבער צו וואָס טויג דאָס אַלץ, אַז עס ברענגט קיינעם קיין נוצן ניט?

דאָס וואָס זיי האָבן „געגאַסן" שיינקייט און געשעפּט תענוג מיט פולע הויפנס ביז צום פאַרכלינען זיך, אַז שוין דאָס אַליין הייסט געבראַכט נוצן, דאָס איז פאַר די מענטשן עפּעס אַזוינס, וואָס זיי קענען בשום אופן ניט משיג זיין. פאָלשטענדיק צופרידן וואָלטן זיי געווען נאָר דעמאָלט, ווען אָט דער פּאַרק, וואָס זעט אויס אין זייערע אויגן אַזוי וואונדערלאַך שיין, וואָלט ניט געפּוסטעוועט גאָר ווען מען וואָלט אים פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ ניצלאַכן אַנשטאַלט, ווי למשל אַ קינדער־היים, אַ מושב זקנים צי אַ סאַניטאַריום פאַר שווינדזיכטיקע, אָדער עפּעס אַן אַנדער אינסטיטוציע פון וואָס מענטשן וואָלטן קענען האָבן פּראַקטישע נוצן.

כמעט די מערסטע אידן און אידענעס, וואָס קומען זיך היילן אין סאַראַטאָגאַ, האָבן שמאַלציקע בייכלאַך און נאָך שמאַלציקערע מחות, וואָס אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר איז זייער העכסטער אידעאַל צו קומען צו אַ פּאָר טאָלער און ווערן „אַלרייט". נאָר אַ גרויסער טייל פון זיי איז שוין פון לאַנג אַלרייט און זייערע בייטלען זיינען פּונקט אַזוי פעט ווי זייערע בייכלאַך. קורץ, זיי געהערן צו יענער בורזשואַז־פיליסטערישן קלאַס, אויף וועלכן עס קוקן מיט פאַראַכטונג סיי אונזערע פּראָלעטאַרישע טוער און סיי אונזערע נייע היפּער־אידעאַליסטישע קונסט־פאַרזאָרגער. און דאָך, וואָס פאַר אַ שטאַרקע ענלאַכקייט עס איז צווישן די ביידע. ממש לייבלאַכע ברידער אין גייסט, מיט דערזעלביקער פּסיכאָלאָגיע און דעמזעלביקן קוק אויף וועלט און זאַכן.

# דער אינזל

אויף אונזערע פּראָלעטאַרישע טוער און נייע קונסט־טעאַרע־טיקער קענען זיך ניט צופרידן שטעלן מיט בלויז שיינקייט. דאָס שיינע האָט ביי זיי קיין ווערט ניט סיידן ווען עס ברייגנט אויך עפּעס נוצן, ניט חלילה פאַר זיי פּערזענלאַך נאָר פאַר'ן כלל, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט אָדער וויניקסטנס פאַר'ן כלל ישראל. דער פּאָעט איז אין זייערע אויגן נאָר דעמאָלט אַ פּאָעט, ווען ער האָט אחוץ גוטע לידער נאָך אויך „גאָט אין הארצן". אין אַנדערע ווערטער: ווען ער שטעלט זיין פּאָעזיע צום דינסט פון עפּעס אַ העכערן ציל, גלייך ווי די פּאָעזיע וואָלט ניט אין זיך אַליין געווען איינער פון יענע געציילטע הויכע צילן צוליב וועלכע עס איז כדאי צו לעבן.

דאָס איז אַ ריין־אידישלאַכער קוק, און אין דער הינזיכט איז די וועלט פון זינט נאָך דער מלחמה און די איבערקערעניש שטאַרק פאַראידישלאַכט געוואָרן. און עס וואָלט דעריבער געווען נאַריש צו קעמפן ביי אונז נעגן דעם, ווייל דער אידישלאַכער מענטש איז אין תוך אַנטי־קינסטלעריש און ניט מסוגל אויפצונעמען וועלט און מענטשן אַנדערש ווי ער קען. און פּונקט ווי דער אידישער אַל־רייטניק וועט אין אַ געהויבענעם מאָמענט, ווען ער איז אידעאַליס־טיש געשטימט, ניט פאַרבייטן דעם קלענסטן און אָרימסטן בית־יתומים, וואו די קינדער זיינען פאַרגרינט און פאַרוואָרלאָזט, אויף דעם הערלאַכסטן פּאַרק, פון וועלכן ער קען נאָר הנאה האָבן קוקנ־דיק, אזוי וועט אונזער נייער קונסט־פּאַרזאָרגער ניט פאַרבייטן די ערגסטע מאַכערייקע אין פערזן צי אין פּראָזע אין וועלכער מען פּאַרמעסט זיך אויף גאָט און אויפ'ן קאָסמאָס אויף אַ פּערל פון אַ ליד אין וועלכן דער דיכטער האָט בלויז געוואָלט און עס איז אים געלונגען אויסצודריקן זיינע אַ פּערזענלאַכע שטימונג אָדער איבער־לעבונג.

און וואויל צו יענע דיכטער וואָס קומען נאָך די פאָדערונגען פון די פּראָלעטאַרישע טוער און נייע קונסט־פּאַרזאָרגער. וואָרים סוף כל סוף איז דאָך אויך אזוי פיל פּראָפּיטאַבעלער און באַקוועמער פאַר אַ דיכטער צו שטעלן זיך אין דינסט פון אַ גאַנגבאַרן אידעאַל אָדער אידייע איידער נאָכצופאָלגן דעם אייגענעם דראַנג נאָך קינסט־לערישער באַפרידיקונג. דאָס ברענגט אי געלט, אי כבוד און נאָך אַ צוזאָג פון אומשטערבלאַכקייט. און לייכטער איז עס אודאי. וואָרים ווי נישטיק מען זאָל אַליין ניט זיין וואַקסט מען אויס גרויס אין די אויגן פון המון ווען מען זעצט זיך רייטן אויפ'ן רוקן פון אַ גרויסער אידייע, אָדער אפילו נאָר אויף די פּלייצעס פון אַ גרויסן מענטש.



בעת דער, וואָס הערט זיך צו צו זיין אייגענעם אינערלאַכן אידעאַל, מוז צוזאַמענעמען זיין גאַנצן יש ווען ער וויל ארויסברייגען עפּעס ממשות'דיקס, און ערשט דעמאָלט זעט מען אים ניט ארויס.

דאָס איז אַזוי ביי אַלע אומקינסטלערישע פעלקער און מער ווי אומעטום ביי אונז. ביי אונז ווערט מען בכלל ניט נתפּעל פאַר קיין דיכטעריש ווערק נאָר מען ווערט סענטימענטאַל פאַר דעם אינהאַלט פון אַ ווערק, און סענטימענטאַל ווערט מען ווען אין דעם ווערק איז אַפילו נאָר פאַראַן אַן אָנצוהערעניש אויף עפּעס אַ מטושטש'ע אידייע אָדער ווען עס ווערט דאָרט דערמאָנט דער נאָמען פון אַ גרויסן מענטשן (אפשר אַ סימן אז מיר האָבן ביידע ניט). און נאָר דערמיט לאָזט זיך דערקלערן די היסטעריקע, וואָס איז ביי אונז אַנטשטאַנען ארום אזוינע צוויי אומקינסטלערישע ווערק ווי לייוויק'ס „גולם" און אַפּאַטאָשו'ס „פּוילישע וועלדער".

און אויב עס איז גערעכט מלך ראַוויטש, אַז אַ דיכטער מוז דורך זיין וואָרט קענען שאַפן קאָנטאַקט צווישן זיך און זיין פאָלק, און ווי איך שטים זיך אָן האָט ראַוויטש דערמיט געמיינט צו זאָגן, אַז דער אידעאַל פון דעם דיכטער מוז אויך קענען ווערן דער אידעאַל פון זיין פאָלק (זיכער בין איך ניט צי האָט דאָס טאַקע ראַוויטש געמיינט, וואָרים זיין גאַנצער אַרטיקל איז געשריבן אזוי, אַז עס איז בכלל שווער צו וויסן וואָס האָט ער דאָרטן געוואָלט), דאַן האָט דער אידישער וואָרט־קינסטלער זיכער ניט צו וואַרטן אויף קיין צוקונפט. ווייל דער היינטיקער כלומרשט מאָדערנער וועלטלאַכער איד איז אין תוך פּונקט דערזעלביקער אַנטי־קינסטלערישער מענטש, ווי זיין אַלטמאָדישער טאַטע און זיידע. און פּונקט ווי דער אַל־רייטניק וואָס פאָרט קיין סאַראַטאָגאַ אויף קור, וועט אפשר קענען „געניסן" ביז טרערן פאַרשיידענע פּסעוודאָ שיינקייטן בעת אמת'ע שיינקייט וועט אים לאָזן קאַלט ווי אַ שטיין, און אפילו מיט די פּסעוודאָ־שיינקייטן וועט ער אויך ניט בלייבן אין גאַנצן צופרידן ביז מען וועט זיי ניט פאַר אים פאַרוואַנדלען אין פּאַקטישע אָדער גייסטיקע קינדער־היימען צי מושב זקנים'ס. און דאָך קען איך מיר ניט פאָרשטעלן, אַז דאָס זאָל כאָטש ביי איין אמת'ן קינסטלער ביי אידן אָפּטויטן דעם אינערלאַכן דראַנג. אמת, טאַקע, קיין וועלטן קען דער קינסטלער ניט איבערמאַכן (כאָטש דער פּסעוודאָ־קינסטלער וויל דווקא איינריידן זיך און אַנדערע אַז דאָס איז די מיסיע פון דער קונסט), אָבער זיין אייגענע וועלט קען ער שאַפן און אין איר פילט ער זיך גוט אפילו ווען ער בלייבט דאָרט אייביק איינזאַם. ווייל זי איז געפורעמט לויט זיין גייסט און ער ווייס אז זי איז דויערנהאַפטער און באַשטענדיקער, ווי אַלע צונעטשעפּעטע אידייען און אידעאַלן דורך וועלכע דער פּסעוודאָ־קינסטלער וויל זיך פאַרקניפּן מיט דער אייביגקייט און אין איין וועג נוצט ער זיי דערווייל אויס פאַר חיי שעה, אָדער פאַרקערט.